STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08499

MIR VELN ZAYN!

Jacob Marinoff

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יעקב מאַרינאָוו

יעקב מאַרינאָוו

מיר וועלן זיין!

Copyright, 1944
By JACOB MARINOFF
All Rights Reserved

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג **בעל־דבר**

אַדרעסירן :

JACOB MARINOFF
3050 Decatur Avenue
Bronx 67, N. Y.

Printed in U. S. A. 129

בעלעמיר פרעס, 170 לאַפאַיעט גאַס, נ. י.

מײַן שוועסטער פֿאַניאַ און קאַרל,

אַ דרשה־געשאַנק צום דרײַסיקסטן יאָר

פֿון זײער חתונה (אָקטאָבער, 1944)

מוזיק צו מיר וועלן זיין! פון

אברהם עלשטיין

שערבלאט געצייכנט פון

שאול ראסקין

אינהאַלט:

מיר וועלן זיין!
קאַלטע חשוון ווינטן יאָגן
ווער האָט געשיקט נאָך אייך?
צום נייעם יאָר תש"ד
נחמו, נחמו עמי!
באחרית הימים — אין אונדזערע טעג
איך ברענג דיר מאַרגעריטקעס
איך האָב געזען אַ טיפן טייך.
פעטער שמואל טאָלעראַנטער
מיין גוטע נאַכט
אַ זאָג און אַ זינג
אַ ניט־געהאַלטענע רעדע
ערב פרילינג

מיר וועלן זיין!

(א הימן*)

ווי לאַנג די ערד וועט יאָגן זיך
אַרום דער זון דורך רוים און צייט;
ווי לאַנג די זון וועט טראָגן זיך
פון אייביקייט צו אייביקייט —
דורך ליכט און חושך, פרייד און פיין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

באַרבאַרן, איר פון יעדן אָרט,
פון יעדן לאַנד און קיניגרייך,
ווי אמת׳דיק עס איז גאָטס וואָרט —
מיר וועלן איבערלעבן אייך,
ביים ירדן, טיבער און ביים רהיין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

באַרבאַרן, איר וועט אונדז דעם וועג
פון קיום ניט פאַרהאַקן;
עס וועט זיך ברעכן אייער שטאָל,
אויף אונדזער האַרטן נאַקן!
און יאָגט איר אונדז לאַנד אויס, לאַנד איין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

ווי אברהם פון קאַלכאויוון וועלן מיר
ארויס פון שנאה-פלאַמען,
און אויפשטייגן געקרעפטיקטע
פון בלוט און טרערן-ים׳ען
אין העלן רעגן-בויגן שיין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

עס וואַרצלט אונדזער לעבנס-בוים
אין רוי-ערד פון די צייטן;
און זיינע צווייגן שטרעקן זיך
אַריבער וייטסטע וייטן,
זיין שפּיץ אין הימעל וואַקסט אַריין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

דער שמיד פון צייט — ער ווערט ניט מיד
דער שמיד פון צייט — ער שמידט און שמידט
פאַר **אייך** באַרבאַרן קורצע טעג,
פאַר אונדז צו **אייביגקייט** דעם וועג!
דורך ליכט און חושך, פרייד און פּיין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

*)״מיר וועלן זיין!״ ווערט געזונגען פון כאָרן אין אַמעריקע און קאַנאַדע. די מוזיק איז פון אברהם עלשטיין, און איז געדרוקט אין בוך צוויי ״כאָרן זינגען״, אַרויסגעגעבן פון בילדונגס דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג, און איז דאָ איבערגעדרוקט צום סוף פון בוך.

קאַלטע חשוון־ווינטן יאָגן*)

(באַלאַדע)

קאַלטע חשוון־ווינטן יאָגן
דורך פּאַליעסער וועלדער;
קאַלטע חשוון־ווינטן שפּאַנען
שפּאַנען קאַלט און קעלטער.

טרעפן קאַלטע חשוון־ווינטן,
אין אַ נאַכט אַ בלינדער,
אונטער בוימער, הויל און נאַקעט,
פרירן יתום־קינדער.

טוען קאַלטע חשוון־ווינטן
שמייסן קאַלטע קינדער
און זיי פרעגן: „וואָס טוט איר דאָ,
אין אַ נאַכט אַ בלינדער?!

„לויפט אַהיים, איר קליינע שטיפער,
גייט צו איי׳רע מאַמעס!
ווילט איר שפּילן דאָ אין פעלדלעך,
קומט אַהער אין תמוז.

*) אַ צושטייער צום פאָנד פאַר דער רעטונג פון אידישע קינדער.

„שלאָפן, שלאָפן גייט, קונדסים!
לויפט צו אײַ'רע היימען;
ווילט איר הערן אונדזער זינגען,
הערט עס דורכן קוימען."

וויינען אָפּגעבראָכ'נע צווייגלעך,
ווייט פון זיי'רע שטאַמען:
„אוי, מיר האָבן ניט קיין היימען,
האָבן ניט קיין מאַמען.

„גוטע ווינטן! איר באַרייזט דאָך
יעדע ווייטע געגענט,
האָט איר אפשר אונז'רע מאַמעס
ערגעץ וואו באַגעגנט

„אויב איר האָט ניט, חשוון־ווינטן,
לאָזט אין וואַלד אונדז איבער,
ווייט פון מענטשן, מיט די חיות.
דאָ, אין קאַלטע גריבער."

הערן קאַלטע חשוון־ווינטן
ס'וויינען פון די קינדער,
וועקט דאָס אויף אין זיי רחמנות
און זיי ווערן לינדער.

כאַפּן זיי די שטראָמען טרערן
פון יתומים־קינדער,
ברענגען זיי פאַר גאָט און מענטשן
אין דער נאַכט דער בלינדער.

ווער האָט געשיקט נאָך אייך?

(דעם "אַמעריקען קאונסיל פאַר דזשודאאיזם", געווידמעט)

אָ, איר, וואָס האָט זיך פונעם שטאַם ישראל'ס אָפּגעבראָכן
און ווערט ווי טויטע בלעטער פון אַ ליאַדע ווינט געטראָגן
אין קיינעמס לאַנד, אַוואו איר האָט קיין וואָרצלען ניט געשלאָגן,
אין קיינעמס האַרץ ניט איינגעפלאַנצט אמונה און בטחון;

אָ, איר, וואָס האָט קיין וואָר און אויך קיין טרוים ניט,
איר טויטע בלעטער גייט אַ לעבעדיקן דעמב צו חלום
און לאָזט אים וויסן, אַז ער איז אַן "עליו השלום",
ווילט איינרייידן דעם אַלטן דעמב, אַז ער איז גאָר קיין בוים ניט;

אָ, איר, וואָס קומט אין אונזער שווערער נאַכט, אַריינגעדרונגען
ווי אַ כת־לצנים — שרעק געשפּענסטער —
און שפּיאָנט אַריין אין אונדזערע שוואַרצע פענסטער
און שטעקט אַרויס אונז אייערע לאַנגע צונגען —

ווער האָט געשיקט נאָך אייך? דער אשמדאי? דער שטן?
צו טרייבן א י צ ט מיט אונדז אַ טייוועלשן קאַטאָוועס,
בעת מיר צאַפּלען זיך אין פּיין און אימת־מות,
בעת גיהנום־פלאַמען ברענען אונדז און בראָטן? . . .

ווער האָט געשיקט נאָך אייך פאַרשאַרפן אונדזער וויטאָג ?
צי זיינען ווינציק דען פאַר אונדז די פרעמדע ראָבן,
וואָס לויערן אויף אונדז, מיט אונדזער בלוט זיך לאָבן,
אַז ס׳זיינען נאָך די פייגל פון אַ „קאָונסיל״-נעסט אונדז נויטיק ?...

אָ, איר, וואָס האָט זיך פונעם שטאָם ישראל׳ס אָפּגעבראָכן,
און קומט ביי אונדז די לעצטע האָפענונגען רויבן —
אַוועק ! ניט גלאָצט אַריין אין אונדזערע טריבע שויבן ! —
מיר וועלן זיך אָן א י י ך דערליידן ביזן מאָרגן פון נצחון.

צום נייעם יאָר

לשנה טובה תכתבו,
דו פיל־געפּרופטע אומה!
פאַרנעם פון שופר דאָס געשאַל —
ער זאָגט דיר אָן דיין תקומה.

לשנה טובה תכתבו,
דער יום־טוב פון תקיעות,
פאַרקינדיקט בשורות טובות דיר,
און ליכטיקע נביאות.

תקיעה, שברים, תרועה — האָרך!
משיח'ס טריט פון ווייטן:
עס איז די וועלט שוין „אויף דער צייט"
מיט נייע, פרייע צייטן.

איר צער פון טראָגן איז פאַרביי,
איצט קומט די פרייד פון האָבן.
ס'איז אויפן בראָכשטול שוין די וועלט,
זי וואַרט נאָר אויף דער באָבען, —

געשיקט פון דעם אַלמעכטיקן,
וואָס שאַפט מיט זון און שטערן,
וואָס אויף זיין געטלעכן באַפעל,
קאָן פעלז — אַ פעלז געבערן.

ווער רעדט שוין פון אַ מוטער־לאַנד
פאַר דיר, ביים ברעג פון ירדן! —
צעריסן דאַרף דאָך ווערן בלויז
דער שוואַרצער „ווייסבוך" גזר דין . . .

און נעמען וועט עס שוין אַ סוף
צו אונדזער גלות־כראָניק,
און וועסט שוין ענדלעך ירש'ענען
„דאָס לאַנד פון מילך און האָניק".

• • •

לשנה טובה תכתבו —
דער יום־טוב פון תקיעות,
פאַרקינדיקט בשורות טובות דיר,
און ליכטיקע נביאות.

מיט גבורה און מיט האָפנונג
די שופרות טוען שאַלן:
עס וועט אין שנת תש"ה, הבע"ל,
ממשלת זדון פאַלן!

פאַרלענדט וועלן זיין די קלאַפער־שלענג,
אויף אַלע פייער־פראָנטן.
שוין שוואַרצט זיך זייער שוואַרצער סוף,
אויף אַלע האָריזאָנטן.

פון רויטן ים שטייגט אויף אַ זון
פון הײלונג און דערבאַרמען.
זי וועט מיט גנאָד אַ נייע וועלט
באַלייכטן און דערוואַרמען!

און ס'וועט די נ י י ע, פרייע וועלט
דיר צאָלן אַ ל ט ע חובות! . . .
תקיעה תרועה — שנת תש"ה
פאַרקינדיקט בשורות טובות.

ערב ראש השנה, תש"ד.

נחמו, נחמו עמי!

נחמו, נחמו עמי!

אין שפּעטער שעה, אין טיפער נאַכט
האָב איך אין פּיין און אַנגסט געוואַכט.
איך האָב מיך אַנגעלייענט זאַט
מיט מעלדונגען פון צייטונגס־בלאַט,
מיט נייעסן אידישע פון אַלע עקן וועלט:
וואו נאָר ישראל האָט אויפגעשלאָגן אַ געצעלט,
אין יעדן לאַנד, ביי יעדן ים
צעפלאַקערט זיך דער שנאה־פלאַם.
פון העכסטן הויך און טיפסטער טיף,
די ווילדע אוראַקאַנען וואַרפן זיך אויף אונדזער שיף,
וואָס וואַגלט בלינד אויף ימ'ען בלוט און גאַל,
געשטויסן פון דעם אשמדאי צום ראַנד פון כף הקל.

געדאַנקען גיפטיקע, ווי שלענג, האָבן זיך געקנוילט
אין קאָפּ און איינגעביסן זיך אין האַרץ,
עס האָבן דיל און ווענט געגרוילט
מיט וויזיעס ווייס און שוואַרץ.

מיט ציטערדיקע הענט
האָב איך מיך נאָך אַ טרייסט געווענדט
צום אַלטן טרייסטער, צום תנ"ך —
מיין בליק געאַנקערט אין ישעיהו בן אמוץ

און ס'האָט געטאָן אַ פלייץ
אַ כוואַליע היילִיק ליכט
און האָט אַ בלענד געטאָן אויף מיין געזיכט
און אין דער אומרוהיקער נאַכט
מיר רו געבראַכט.

האַלב שלאָפנדיק, האַלב וואַך,
האָב איך געזען ווי ס'עפנט זיך די טיר
און אויף דער שוועל טויכט־אויף פאַר מיר
אַ וואונדערלעכער גרייז —
פון קאָפּ ביז פוס לבנה־ווייס,
אַ דורכזיכטיק געשטאַלט,
אין היילִיקייט און לויטערקייט געשטראַלט,
און שלייכט צו מיר מיט פרומע טריט
און פאָכט מיט פליגל ווייסע אויף מיין שווער געמיט
געבענטשטע רו,
און פליסטערט ליב: „נחמו, נחמו!
„גרייט־אָן דיין האַרץ און זינג און האָף,
„שוין שוואַרצט די נאַכט זיך צו איר סוף.
„עס איז גע'חתמ'עט שוין פאַרוואָר
„די שטראָף פאַר די, וואָס קניען צו וואָטאַן און טאָר,
„און די, וואָס האָבן האַס געזייט,
„געצונדן שנאה'ס פלאַם,
„זיי שניידן איצטער טויט
„און אַרבען סם.
„און די, וואָס לעבן אויף דער שאַרף פון שווערד,
„זיי ווערן פון איר שאַרף פאַרצערט,
„און אייביק לעבן וועט דאָס פאָלק ישראל.
„פאַרגעסן האָט ניט שדי זיי הבטחה פון אַמאָל,

„וואָס ער'ט געגעבן אברמ'ען אין ממרא'ס טאָל:
„ווי שטערן אויפ'ן הימל און ווי זאַמד ביים ים,
„אַזוי וועלן זיין די קינדער פון דיין שטאַם.
„און ביז צום סוף פון אַלע צייטן — אייביק ניי,
„איז די הבטחה פון אַל שדי — עם ישראל חי!"

* * *

דער וואונדערלעכער גרייז,
פון קאָפּ ביז פוס לבנה־ווייס,
פאַרווײלט אַ ווייל האָט ביי מיין בעט,
מיט בענטשענדיקן שפּרוך געגלעט
מיין שווער געמיט,
מיך איינגעוויגט אין זיסער רו
און האָט אַרויסגעשלייכט מיט פרומע טריט,
געפּליסטערט ליב: „נחמו, נחמו!"

* * *

אויף הימלם האַריק האָט ליב און העל
דער מאָרגן־שטערן אויפגעבליט
און האָט מיין אַנגסט־געפּייניקט זעל
באַשטראַלט מיט יונגליכט און מיט ליד.

שבת נחמו, תש"ג.

באחרית הימים — אין אונזוערע טעג*)

באחרית הימים — אין אונזערע טעג*)

וכתתו חרבותם לאתים
וחניתותיהם למזמרות
— ישעיה — ה.

די הײס־געגאַרטע־שטונד
האָט סוף־כל־סוף געשלאָגן:
דער בלוט־פאַרפּליצטער קוגל ערד,
האָט זיך אַרױסגעשײלט פון בלינדן נעבל
פון פּולװער, פּעך און שװעבל
און, װי אַ רױע װאונד,
דורך װעלטן זיך געטראָגן.

עס איז געװען שױן נאָך דעם רױטן מבול.
מאַרס, דער קריגס־מחבל,
האָט זיך געשפּיגלט אין זײַן מײַסטערװערק
אַ רױטער ים, אַרומגעגאַרטלט מיט סקעלעטן־בערג.
דער פּסק־דין אױף דעם „הערדן־פאָלק" איז שױן
געװען פאַרזיגלט.
מיט קין'ס צײכן־בראַנדיק אױף זײַן פּרעכן שטערן,
װאָס װעט ניט אױסגעלאָשן װערן
דורך אַלע אײביקײטן —
איז מאַניאַק־רוצח שױן געװעזן פעסט פאַרריגלט
אַהינטער גראַטעס פון אַליאירטן שטראָף־געזעץ,
מיט אױסגעבעטלט פרינדס־זאַלב געגלעט
זײַן זינדיק לײַב, געלעקט די נאַצי־קרעץ

*) טעמע סוגעסטירט פון באָריס בן־רהאַדאַ.

פון זיין צעקיילטער פעל און אונטערגעהאַקטע זייטן,
וואָס וועלן יאַטערן ביז צום סוף פון אַלע צייטן . . .

עס איז געוואָרן וואָר דער זיסער חלום:
אַ בת־קול האָט מיט גבורה
אַרויסגעפּראַלט דעם רוף,
אַרויסגעשאַלט די בשורה:
שלום! שלום!! שלום!!!
שלום, שלום, גאָט זיי דאַנק! —

און ווידער איז אַוועק דאָס לעבן לעבעדיק זיין גאַנג:
עס שפּאַלט דעם אַוויר דאָס געזאַנג
פון זעג און הובל, האַק און צוואַנג,
שער און אייזן, לאָם און שטאַנג,
די סערפּעס יובלען מיט געקלאַנג:
„עס וועט באַלד צייטיקן די זאַנג!" —
שלום, שלום, גאָט זיי דאַנק!
שלום, שלום, גאָט זיי דאַנק!
די פרילינג־זון האָט אויך
דעם שלום־רוף געהערט,
און האָט איר ברכה פון דער הויך
אַראָפּגעשטראַלט אויף ד'ערד.
מיט מוטערלעכע קושן זי פון ווינטער שלאָף
געוועקט, געצערטלט און געגלעט:
„וואַך אויף, מיין אָרים זעמדעלע,
„טו אָן אַ נײַ־גרין העמדעלע,
וואַך אויף —
עס איז שוין שפּעט!

אין יענער וואונדערלעכער צײַט,
אַוועק פֿון שטאָט און לײַט,
האָט פֿון באַגינען פֿרי,
מיט פֿלײַס און מי,
אַ פּויער אויף זײַן פֿעלד געאַקערט.

די אַרבעט ברענט, די אַרבעט פֿלאַקערט,
עס שפּאַנט אין טראָט דער אַקערמאַן
אינאײנעם מיט זײַן אָקס־געשפּאַן.
ס'איז גרויס דער הונגער, שווער די נויט.
דער שד פֿון קריג
האָט אויפֿגעפֿרעסן גאָר דאָס ברויט.
געדרויבט די מילך בײַם קינד אין וויג,
פֿאַרצוקט דאָס פֿלייש פֿון קו און ציג.

און ס'רעדט צום אָקס דער אַקערמאַן:
— דו ביסט דאָך, ברודער, קלוג — אָהאָ!
דו ווייס: פֿאַר אונדז איז הײַנט ניטאָ
קיין צײַט פֿאַר רו.
מיר מוזן בײדע גײן אין שפּאַן,
אי איך, אי דו,
פֿון העגער־קרײַ ביז אָוונט שעה.
ס'איז שווער דער הונגער, גרויס די נויט.
דו דאַרפֿסט דײַן העי און איך — מײַן ברויט.
איז ניט געפֿוילט זיך, ברודער, וויאָ! —
וויאָ! וויאָ! וויאָ! . . .

דאָך פּלוצלינג . . . פּלוצלינג, וואָס איז דאָס?! . . .
אַ פּאַרע זעצט בײַם אָקס פֿון נאָז.

עס טוט דער אָקס אַ רעוו פאַר שרעק
און וואַרפט אין לופטן מיט זיין עק.
עס שיסן פונקען פון זיין בליק
און רייסט פון שפאַן זיך אויף צוריק.
דער שטומער צונג,
האָט פון דער ערד,
דערהערט אַ קלונג — — —
דער אַקער האָט זיך אָפגעשלאָגן אָן אַ שווערד!...
און אַ מעטאַלענער געשפרעך,
האָט זיך געגעבן אַ צעפלאַקער
צווישן שווערד און אַקער:

— ווי קומסטו דאָ אַהער? — האָט פרעגן
די שווערד זיך שאַרף צעקלונגען,
און איז פאַר כעס פון שייד געשפרונגען —
אַזאַ סקאַנדאַל:
אַ פּראָסטע שטיק מעטאַל,
זאָל מאַכן אויף אַ שווערד אַן איבערפאַל!
אַרוים מיט שפּראַך,
דו גראָבע זאַך,
צי ווייסטו ווער איך בין?

— איך ווייס — האָט אים דער אַקעראייזן
אָפגעענטפערט קאַלט —
מיר שטאַמען ביידע פון דעם זעלבן מין.
וואָס מאַכסטו דאָ אַזאַ געוואַלד? . . .

— „פון זעלבן מין” — אַז וויי און אַך!
האָט שווערד מיט גדלות זיך געגעבן אַ צעפּאַך —
צו ווייסטו אַז פון פריסטער צייט,

בין איך געגאַנגען זייט־ביי־זייט
מיט פּירשטן און באַראָנען?
געריטן שטאָלץ אויף קעניגלעכע פערד
מיט צעזאַרס, נאַפּאָלעאָנען —
ס'האָט דאָך געציטערט אונטער מיר די ערד!

— צי ווייסטו, גראָבער בור —
האָט שווערד זיך הייסער נאָך צעוואַרמט
און פּרעכער און פאַרשייטער זיך צעליאַרמעט —
צי ווייסטו אַז נאָר מיר איז עס געלונגען
צו ברענגען אויפקלערונג, קולטור
גערעכטיקייט, ישרנות,
ציוויליזאַציע און רחמנות
פאַר מענטשנס גליק?
צי ווייסטו אַז — — —

דאָ איז שוין אַקעראייזן פון געדולד ארויסגעשפּרונגען
און האָט די שווערד דערלאַנגט אַ פליק,
אַז ס'האָט דאָס גאַנצע פעלד פאַרקלונגען.

— גענוג! — האָט אַקער זיך געוואָרפן אויף
דער שווערד —
גענוג! — איך ווייס דיין „פיינעם יחוס",
דיין „נאָבעלע שליחות . . ."
איך האָב גענוג פון דיר געהערט . . .
דו זאָג מיר בעסער וועלכער טייוול האָט דיך
דאָ פאַרזייט?
וועלכער חורבן האָט דיך דאָ פאַרלאָרן?
דאָ, אויף דעם פעלד, דאָרף אויפגיין ברויט,

דאַרף וואַקסן קאָרן,
און ניט קיין שווערדן, ניט קיין טויט.
קום שוין מיט מיר צום שמיד —
דו הערסט, צי ניט? —
איך מאַך פון דיר אַ תל!

דערהערט פון אַקעראייזן דעם באַפעל,
דערפילט אין זייט דעם שאַרפן האַק
פון אַקערס קרעפטיקן אַטאַק,
האָט כוואַטסקע שווערד איר שאַרף פאַרדרייט
און איז צוריק אַריין אין שייד . . .
און האָט מיט ווערטער שטילע —
כמעט ווי מיט אַ תפילה —
צום אַקער זיך געווענדט:

— איך האָב, חלילה,
באַליידיקן דאָ קיינעם ניט געוואָלט.

— דו מיינסט האָסט ניט געקענט! —
האָט אַקער ניט אומזיסט פאַרשווענדט קיין צייט,
און האָט דעם שווערד דערלאַנגט אַ צווייטן
בראָק אין זייט.

— איר זייט גערעכט! געוויס . . . אַוודאי —
האָט צוגעגעבן שווערד, זיך קאָרטשנדיק פון ווייטיק
דאָס קאָן פאַרשטיין אַ שווערד אַ ליאַדע
אַז ס'איז, באמת, נויטיק . . .
אַז . . . נו, יע — צו־וואָס דער פוסטער שטאָלץ?
ניט איך בין אויסגעקלאַפט פון גאָלד,
ניט איר זענט אויסגעשניצט פון האָלץ.

מיר שטאַמען ביידע, ווי איר זאָגט, פון איין משפּחה.
נישט מער, מיר האָבן ניט די זעלביקע מערכה:
ס'האָט אייך אַן אַקער־שמיד געמאַכט,
און מיך האָט אויף דער וועלט געבראַכט,
אַ שווערדן־בעל מלאכה.
איז מאַקע אייך, קיינאָרע גוט, איר שיינט ווי ניי,
און איך, אַז ווייי איז מיר און ווינד! —
פאַר מיינע מצוות, צי פאַר מיינע זינד —
איך ווער אַצינד באַלוינט . . .
איך ליג ניין איילן אין דר'ערד אַצינד.

דאָ האָט די בראַווע שווערד זיך געבעבדיק צעוויינט...
דער אַקעראייזן אָבער האָט נישט אָפּגעלאָזט.
געגעבן אַ קאָמאַנדע פּשוט־פּראָסט:
— צום שמיד! — צום שמיד! —
און טענה ניט!
איך וויל ניט הערן מער פון דיר קיין וואָרט!
גענוג! דו וועסט
זיך אויס'טענה'ן שוין דאָרט.
און זיך צום דריטן מאָל געגעבן אַ פאַרמעסט.

ניט צוגעוואוינט גאָר צו אַזעלכע קעסט,
האָט שווערד אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פאַרצווייפלטן
געשריי:
— אוי, ניטע! ניטע, חבר!
ניט ערגערט אייך אַזוי —
איך גיי, איך גיי!
געווים איז גלייכער גיין צום שמיד,
שטאָט ליגן דאָ, אין זשאַווער.
— טו מאַך עס גיכער, זשוואָווער! —

צום שמיד! און ער'ט דיך שוין באַווייזן,
אַז דו ביזט אויך נישט קראַנק צו זיין אַן אַקעראייזן
און גלייך מיט מיר אין איינעם זינגען ס'ליד
פון לעבן, רו און ברויט
און ניט דאָס ליד פון טרערן, בלוט און טויט.

• • •

און אַקעראייזן האָט די שווערד
געהאָלפן זיך אַרויסצוגראָבן פון דער ערד
און זי געבראַכט צום שמיד.
דער שמיד האָט ווייס די שווערד צעגליט,
און האָט פון איר אַן אַקעראייזן אויסגעשמידט.

• • •

צוויי אַקערס זיינען איצט צוויי ברידער
און זינגען איצט די זעלבע לידער
אויף ישעיה'ס שפראַך.
און נאָך דריי טויזנט שווערע יאָרן,
מקוים איז געוואָרן
די נבואה פון תנ"ך.

איך האָב געזען א טיפן טייך

געווידמעט אברהם רייזען

איך האָב געזען אַ טיפן טייך
זיך טראָגן אָן אַן אָפּשטעל, גלייך
זיין ציל געווען וואָלט ערגעץ ווייט,
און קומען מוז ער דאָרט אין צייט.

איך האָב געפרעגט אים: וועלכע טראַכט
האָט דיך אויף אונדזער וועלט געבראַכט?
פון וואַנען שטאַמסטו, ליבער שטראָם?
פון וועלכער טיף, פון וועלכן תהום?

אַרויסגערוישט אויף וואַסער־שפּראַך —
געענטפערט האָט ער כּך־וכך:
„דאָס האָט פּאַסירט אַמאָל, אַמאָל,
אין אַ פאַרלאָזטען, וויסטן טאָל.

„געקומען איז ער אויף דער וועלט,
ווען חושך האָט די זון פאַרשטעלט.
עס איז געווען אַ גרויער טאָג,
ווען ס'האָט דערלאַנגט אַ שפּאַר, אַ שלאָג

„פון ערד'ס שווער האַרץ און דורכגעזעצט
אַ וואַסער־קוואַל, וואָס האָט באַנעצט
א דלד אמות וויסטע ערד.
דער קוואַל האָט זיך געשטאַרקט, געמערט,

„געוואָרן טייך, אַ טיף, אַ גרויס
און שניידט זיין וועג פעלד איין, פעלד אויס.
די כוואַליעס זיינע, זון־צעהעלט,
צעטיילן פרייד פאַר וואַלד און פעלד.

„ער לעשט דעם דורשט פון בוים און בלאַט
און טרינקט די לאָנקעס אָן צו־זאַט.
ער ברענגט דערקוויקונג מיט זיין פלייץ
דעם גרויען גערשט, דעם גאָלדנעם ווייץ,

„דעם דאָרן קוסט, דער קראַנקע בלום —
ער נעמט מיט ליבשאַפט זיי אַרום,
און קוויקט זיי, ווי מיט גוטן ווײַן
און היילט זיי אויס, און הייסט זיי ז י י ן . . .

„ער טרייבט די מילן מיט זיין קראַפט
צו מאָלן ברויט. זיין וואַסער שאַפט
די סימפאָני פון ליכט און פרייד
פאַר יונג און אַלט, פאַר קינד און קייט.

„אַמאָל פאַרגלוסט זיך אים אַ שטיף:
ער שפרינגט אַראָפ פון הויך אין טיף
מיט אַ געזאַנג, מיט אַ געשאַל —
אַ זינגענדיקער וואַסער־פאַל,
אַ פליסיקע בריליאַנטן־וואַנט —
אַ מייסטער־ווערק פון בורא׳ס האַנט!

* * *

„דאָס האָט פאַסירט אַמאָל, אַמאָל,
אין אַ פאַרלאָזטן, וויסטן טאָל.

ווען חושך האָט די זון פאַרשטעלט,
איז קוואַל געקומען אויף דער וועלט.

„און ווי דו זעסט מיך טיף און גרויס,
זיך טראָגן איצט פעלד־איין, פעלד־אויס,
און פרעגסט פון וואַן איך שטאַם אַרויס?
זיי וויסען: כ'שטאַם פון י ע נ ע ם קוואַל,
וואָס ערד'ס שווער האַרץ האָט מיט געפראַל
אַרויסגעשפאַרט אַמאָל, אַמאָל,
אין אַ פאַרלאָזטן וויסטן טאָל".

איך ברייננ דיר מארגעריטקעס

(צו מיין אסתר׳ס אַ געבוירן־טאָג)
ווערטער פאַר מוזיק — פריי נאָך סעמועל דע וויט

מוזיק פון יוסף רומשינסקי

צו דיין געבורטסטאָג, ליבסטע,
מאַרגעריטקעס ברענג איך דיר;
מאַרגעריטקעס זיינען האַרציק
און ליב אין זייער ציר.

„ביוטים" און גאַרנדיעס
אין קונציקן געפלעכט —
זיי שמייכלען זיך צו האַרן
און קוקן קרום אויף קנעכט.

מאַגנאָליעס און גלאַדאָליעס,
די זיינען פרעך־פאַרשייט:
זיי ווינקען צו געליבטע
פון רייכע, אַלטע לייט.

מאַרגעריטקעס זיינען היימיש,
באַשיידן אין זייער ציר:
ביזטו אין זיי געראָטן,
צי זיינען זיי אין דיר?

וויזט אויס, אַז מאַרגעריטקעס
האָט ליב אויך גאָט אַליין,
אַז ער האָט רייך פֿאַרפּלאַנצט זיי
אויף יעדן פֿעלד און פּליין.

מאַרגעריטקעס זיינען ליבלעך,
ווי דו, אין זייער פּראַכט,
דערפֿאַר — צו דיין געבורטסטאָג,
האָב איך זיי דיר געבראַכט.

אַ זאָג און אַ זינג

(אַ פּאָרטרעט פון דעם פּאָרטרעטן דיכטער א. לוצקי)

„אַ זינג און אַ זאָג"
אַ זאָג און אַ זינג,
ווי פויגל־פלי־פלינק,
זאָגט ער און זינגט ער
אַרויסעט אַלצדינג —
מיט „אַ זינג און אַ זאָג",
מיט אַ זאָג און אַ זינג.

— פון וואַן קומט דער איד?
פון וועלכן יאַריד?
— ער קומט פון פּאַרנאַס,
אויף זיין פלינקן פּעגאַז,
אין אַ פלינקן גאַלאָפּ —
טיפּ־אַ־טאָפּ, טיפּ־אַ־טאָפּ.
טיפּ־אַ־טאָפּ, טיפּ־אַ־טאָפּ.

אַ זאַק אויף די פּלייצעס
געבראַכט אָט דער איד.
גיט מען אַן עפן —
„געלעכטער" און ליד:

„אַ ווינט מיט אַ רעגן
באַפאַלן אַ מיידל",
און פליקן די צעפּ איר
און רייסן דאָס קליידל.

„אַ פאַרהייראַטן קנעפּל"
איז אומעטיק — אַ מורא! —
אַלעמאָל, אַלעמאָל,
די זעלביקע סחורה . . ."

„אַ פֿאַרהאַנג צערעדט זיך"
ווי ס'טרעפֿן זיך סיבות
„ביים אָפֿענעם פֿענסטער"
מיט ווינטיקע ליבעס.

„אַ באָרד וויל אַנטלויפֿן"
און רייסט זיך אַ מורא! —
משמעות — וויל הערן, ווי
„דער רבי זאָגט תורה".

הערן עס נאַרן,
האָרכען עס קלוגע,
און צוקן די אַקסל:
דער איד איז משוגע! —

אַ פֿאַרהאַנג קאָן ריידן?
אַ באָרד קאָן דען לויפֿן?
ווי קאָן עס געמאָלט זיין,
אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן?
ווי קאָן עס געמאָלט זיין?

אָט האָט איר דעם פּירוש:
גאַנץ פּשוט, ער טוט עס
מיט דעם שם המפורש פֿון —
„אַ זינג און אַ זאָג",

אַ זאָג און אַ זינג,
ווי פֿויגל־פֿלי־פֿלינק
זינגט ער און זאָגט ער
אַרויסעט אַלצדינג —
מיט „אַ זינג און אַ זאָג",
מיט אַ זאָג און אַ זינג.

אַ ניט־געהאַלטענע רעדע

(מיין ליבן חבר, דעם דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי,
צו זיין 50־יאָריקן געבוירן־טאָג)

חבר פּאָרזיצער, חברים, פריינט!
אַ גרויסן יום־טוב האָ׳מיר היינט.
קוקט און שטוינט און וואונדערט זיך:
וואונדער האָט זיך איבערוואונדערט —
אַ יונגער דיכטער הונדערט זיך
אין צווייטן העלפט פון זיין יאָרהונדערט!

איז, הייסט עס, היינט זיין יובל־נאַכט,
באַדאַרף מען לויבן אים און רימען,
איז האָב איך אים אַהער געבראַכט
אַ לויב־געזאַנג — אַ הימן:

געלויבט זײַ, קינד פון דיכטער־שטאַם,
האָסט וואויל און פיין געזונגען! —
דיין פּשוט וואָרט, באַפּוצט מיט גראַם,
האָט פאָלק מיט דורשט געשלונגען.

דו האָסט זיך, פריינט, באַליבט געמאַכט
ביי מענטשיכעס און מענטשן;
און קלוגע מאַמעס טוען מיט דיר
די „בייבים" זייערע בענטשן.

פאַרוויגן זיי מיט „אַ מעשהלע"
איי־ליו־ליו־ליו;
„אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו".

דו האָסט מיט דיין געשליפ'נער צונג
די קעלטסטע לייט צעפלעמלט;
ביי דיינעם אַ רעפעראַט האָט נאָך
קיין איד ניט איינגעדרעמלט.

יאָ, יאָ, מיין חבר, ביסט שוין גרויס
און וועסט נאָך ווערן גרעסער;
פאַרדינסט דעם שפּילעוודיגן וויין
פון לויב, אין פולע פעסער.

נאָר חוץ אַ לויב, וויל איך דאָ היינט
דיר אויך מיין ברכה געבן:
אַהער די האַנט! — איך ווינטש דיך צו
דו זאָלסט די צייט דערלעבן,

ווען אַ גוטער גראַמען־אַרבעטער,
וואָס האָרעוועט מיט דער מוזע,
וועט קאָנען געבן ברויט אַ ווייב,
איר קויפן שיך — אַ בלוזע.

ווען הונדערט טולער פאַר אַ ליד,
באַקומט אַ איד אַ ליאַדע,
פון „פּראָלעטאַרישן געדאַנק"
און אין מזומן גראַדע.

דער „פאָרווערטס", צי דער „טאָג" באַצאָלט
אַ קאָשיק גאָלד, אוודאי,
דעם זעלבן איד, פאַר זיינס אַ ליד
און מער פאַר אַ באַלאַדע.

דערלעבן יענע גאָלד'נע צייט
פון קאָלאָסאַלע וואונדער,
וועסטו זיך מוזן אָנשטרענגען
און לעבן כאָטש ביז הונדערט.

איז זאָל דער צענטער צענדליק יאָר,
דיך פריש און יונג געפינען;
מעג ווינטער שנייען אויף דיין קאָפּ,
אין האַרץ זאָל פרילינג גרינען.

און זאָל די געטין פון געזאַנג
אויף דיר מיט ליבשאַפט הויערן,
דו זאָלסט ניט דאַרפן מיט אַ צוואַנג
זי שלעפּן פאַר די אויערן.

נאָר טאַנצנדיק און זינגענדיק,
מיט גאָלד'נע גראַמען קלינגענדיק,
זאָל זי אויף אַלע וועגן
דיר אָנקומען אַנטקעגן,

און איינרוימען אין אויער אַריין:
„כ'וועל אייביק, אייביק דיינע זיין,
און זינגען מיט דיר צוזאַמען
געזאַנגען „פון די שטאַמען"*)

*) "פון די שטאַמען" — דער נאָמען פון זיינס אַ בוך
מיט לידער און באַלאַדעס.

מיין גוטע נאַכט

(צו מיין זיבעציקסטן געבוירן-טאָג)

אין דעמער, ביי דעם ראַנד פון טאָג,
גליט אויף די אָוונט פאָן
מיט גאָלדנעם אָנזאָג אַז מיין נאַכט,
מיין „גוטע נאַכט", קומט אָן.

זי קליידט זיך ווי אַ קעניגין,
מיין גוטע נאַכט, פאַר מיר,
אין סאַפּיר־בלויען סאַמעט־זייד,
אין גאָלדענעם שטערן־ציר.

זי קומט צו מיר, מיין שיינע נאַכט —
אַ גאַסט פון שאָטן־לאַנד,
און אָפּגעשיידט פון לייט און צייט,
פאַרבלייבן מיר באַנאַנד.

זי הילט מיך איין אין טונקעלן טול,
פאַרהילט דעם מינדסטן שיין
און דריקט מיך צו איר טונקעלן האַרץ
און פליסטערט: „דו ביסט מיין!

„איך נעם דיך מיט מיט מיר אַהין,
אין וויטן שאָטן־לאַנד,
אין סודות־פולן קיניגרייך,
אין אומבאַקאַנטן קאַנט.

„און דאָרטן זינג איך דיר דאָס ליד,
וואָס ברענגט דיר רו און שלאָף,
דורך אַלער אייביק־אייביקייט,
וואָס ליכטיקט אָן אַ סוף".

אין דעמער, ביי דעם ראַנד פון טאָג,
גליט אויף די אָוונט־פאָן,
מיט גאָלדענעם אָנזאָג אַז מיין נאַכט,
מיין „גוטע נאַכט", קומט אָן.

באַלד קומען שאָטנס איילנדיק
און פאַלן שיכט אויף שיכט,
און לעשן אויין דאָס רעשטל שיין
פון בין־השמשות ליכט . . .

פּעטער שמואל טאָלעראַנטער

פעטער שמואל טאָלעראַנטער

אַ טשאַטע שוואַרצע מייז פון יענעם לאַנד,
וואָס איז אויף גאָרער וועלט באַקאַנט
ווי ס'לאַנד פון זינגער, מאַפיא און ספּאַגעטע;
און ברוינע היטלער־ראַצן, פּרעכע און קאָקעטע,

מיט האַקן־קרייצער צווישן די אויערן
און וואָנצעלעך ווי „פּירערס" האַרט געשווירן
האָבן זיך אין אַ ווינטער, פינסטער נאַכט
אַריינגעשלייכט דורך פעטער שמואל'ס טויערן,

און אין זיין רייכן רעזידענץ זיך מייזן־נעסט געמאַכט.
די ערשטע צייטן האָבן ראַץ און מויז,
פון זייערע מויזן־נאָרעס ניט געוואַגט אַרויס:
— ווי שיקט זיך — האָבן זיך די געסט געטראַכט —

אַז אין אַזאַ געהויבן פּלאַץ,
געפינט זיך ניט אַמאָל אַ פלינקע קאַץ? . . .
נאָר ווען עס איז פאַרביי
אַ וואָך און צוויי און דריי,
דערוויסן זיך די געסט פון דעם געזעץ,

(פון וואַנען? ווי אַזוי?
דאָס ווייס איך ניט גענוי).
אַז אין דעם פעטערס פּרעכטיקן פּאַלאַץ
פאַראַן איז אַ געזעץ —

פון לאַנגע דורות אַ געשאַנק —
וואָס גאַראַנטירט אי מייז, אי קעץ,
דאָס רעכט צו לעבן פריי און פראַנק.
און אַז אַפילו זיי, די פרעמדע געסט,

זיי מעגן אויך פון זייער מויזן־נעסט
זיך פריי באַוועגן, איין און אויס,
אָט ווי זיי וואָלטן כאָטש געווען די קאָטער־קעץ פון הויז.
ווען ס'האָבן זיך די געסט דערוואוסט פון אָט דעם פאַקט,
האָבן זיי פאַרבויגן סטאַט און טאַקט,

און זיך אַ לאָז געטאָן
פון זייערע נאָרעס, ביז צום פעטער'ס אויבענאָן!
און דאָ — אַז ס'איז באַשערט אַ גליק —
איז איינס און צוויי!
באַקאָנען זיך די געסט מיט היגע ראַצן
פון „פראָנטן" אַלערליי,

פון קעלער־שטובן און פאַלאַצן —
אַ ליבע אויפן ערשטן בליק! —
און ס'הויבן אָן זיך פלאָדיען מייז
און ראַצן — סטאַדעווייז,

און גיבן זיך אַ וואָרף
אויף שטעטל, שטאָט און דאָרף
מיט פרעכן גרילץ און קוויטש.
אין נאָמען פון „פרי ספיטש",

פאַרשווועכן זיי דאָס פרייע וואָרט,
און רופן אָן דעם פּעטער וואָס אין קאָרט
און שיטן שוואַרצן מאָן
אויף זיין געליבטע שטערן־שטרייפן פאָן . . .
דאָך פּעטער שמואל שטערט זיי ניט
חלילה, ער פאַרוועררט זיי ניט,

ער הויבט ניט אויף אויף זיי קיין האַנט,
ווייל אונזער פּעטער, ווי באַקאַנט,
איז זייער, זייער טאָלעראַנט.
איז ווערן שרצים פרעך און פרעכער,

און גרילצער, קוויטשער הויך און העכער
און שמירן אוים מיט ראַצן־קויט
זיין שבת־פראַק, מיט גאָלדענע שטערן אויסגענייט,
און שפּרינגען אים אין באָרד! . . .
ווערט פּעטער שמואל שטאַרק אין כעס,

און פילט ווי צו באַגיין אַ מאָרד: —
דאָס איז דאָך עפּעס נישט קיין שפּאַס —
ס'איז פּשוט שוין באַליידיקט, — פע! ניט שיין!
ווי קאָנען גאָט'ס באַשעפעניש זיין אַזוי געמיין? —
פאַרשטייט ער ניט — און „לאָזט זיי גיין".

ווערן פריינט פון פּעטער אַלאַרמירט
און שרייען: „פּעטער, זע וואָס דאָ פּאַסירט!
די שרצים ווערן פרעך און פרעכער,
זיי גריזשען לעכער
אין דיין געפרייזטן דאָקומענט,

און גראָבן נאָרעס אונטערן פונדאַמענט
פון דיין געליבטער היים,
אי אָפּען, אי געהיים . . .
וואָס שווייגסטו, פעטער...
ניט לייג עס אָפּ אויף שפּעטער:
שטעל אָן די פּאַסטקעס פון געזעץ,

פאַרטרייב אַהין מיט „דזשימען" קעץ,
די ראַצן פון אַ יעדן „פּראָנט" און מין,
טראַקטיר זיי דאָרט מיט „פעריזגרין"
פון שטראָף־געזעץ!
דאָך פעטער שמואל שטערט זיי ניט,

די שרצים, ער פאַרוועדט זיי ניט,
ער הויבט ניט אויף אויף זיי קיין האַנט,
ווייל אונזער פעטער, ווי באַקאַנט,
איז אויך צו ראַצן טאָלעראַנט.
מ אָ ר אַ ל :

* * *

טאָלעראַנט צו זיין, איז זייער פיין,
קיין וצדקתך דאַרף מען דאָך ניט זיין:
צו דולדן שרצים אין אַ היכל,
איז ניט קיין גרויסער שכל.

ערב פּרילינג

זאָגט רעגן צו דעם שניי אַזוי,
אויף רעגן־שפּראַך, בערך:
„רעב שנייער, פּאַק זיך איין און גיי! —
נו, ריר זיך, נעם דעם דרך!

„חדשים לאַנג האָסטו די וועלט
באַדעקט מיט ווייסע שמאַטעס;
גענוג, עס איז שוין צייט פאַר דיר
זאָלסט גיין צו דיינע טאַטעס.

„און טראַגסטו זיך ניט אָפּ אויף גיך,
רעב שנייער, וועט זיין ביטער:
דו וועסט פאַרזוכן באַלד דעם טעם
פון מיינע נאַסע ריטער.

„און אויב עס נעמט דיר ניט קיין שמיץ,
דו ווייסער פראָסט־מחבל,
וועל איך ניט טראַכטן לאַנג און דיר
דערלאַנגען מיט אַ מבול . . .”

דערהערט אַזעלכע רייד, ווערט שניי,
פאַר כעס, פון ווייס נאָך ווייסער,
און ענטפערט אומגעפער אַזוי
דעם פרעכן, נאַסן שמייסער:

„צו וועמען רעדסטו דאָס אַזוי,
דו פּרעכער, נאַסער שריק?!
צו מ י ר, דעם ווינטער־קעניג, שניי?...
רעספּעקט פאַר מיר, דרך־ארץ!

„ווער שרעקט זיך פאַר דיין מבול, ווער?
עס איז ניט ווערט קיין שילינג!
ס'איז פּוסטע מאַנסעס, נאַרישע,
ס'איז ווינטער נאָך — ניט פרילינג!...

„ס'איז ווינטער נאָך... הער, רעגן, האַלט!...
הער אויף, ניט גיס, ניט פּליוכע!
אויב ניט פאַרפאָר איך דיר דאָ מיט
אַ קאַלטער זאַווערוכע!..."

און אַזוי אָ, אַלע טאָג,
פּליוכעט עס און דרייט עס:
אין פרימאָרגן — מבול'ט, גיסט,
און נאָכמיטאָג — שנייט עס...

דאָך זייט רוהיק, האַרץ און זעל —
נאָך דעם בייזן צווילינג
קומען וועט, אין גאָלד און גרין,
אויף דער וועלט אַ פ ר י ל י נ ג!

ווערק פון יעקב מאַרינאָוו:

נײַנצן יאָר רעדאַקטאָר פון

„דער גרויסער קונדס"

רעדאַקטירט (אינאיינעם מיט אַ. וואַהלינער)
דריי בענד

הומאָר און סאַטירע

שפּיל און קאַמף

א בוך לידער און באַלאַדעס


allarg.
zain, mir ve - ln zain, mir ve - ln
zain, mir ve - ln zain, mir ve - ln
mir ve - ln zain, mir ve - ln, mir ve - ln
zain, mir ve - ln zain, mir ve - ln
allarg.
zain, mir ve - - ln zain
ff
zain, mir ve - - ln zain
ff
zain, mir ve - - ln zain
ff
zain, mir ve - - ln zain
ff
ff
ff
sfff


licht un choi - shech freid
licht un choi - shech, durch licht un - choi - shech freid
durch licht, durch licht un choi - - shech freid
licht durch licht, durch licht un choi - - shech freid
un pain mir ve - ln
un pain, freid un pain mir ve - ln
un pain, freid un pain
un pain, freid un pain mir ve - ln
f
f
f
f


shmidt far aich bar-ba-rn kurtzeteg
shmidt far aich bar-ba-rn kurtzeteg
shmidt far aich bar-ba-rn kurtzeteg
shmidt far aich bar-ba-rn kurtzeteg
far unz tzu ei-bi-kait dem veg durch
far unz tzu ei-bi-kait dem veg dem veg durch
far unz tzu ei-bi-kait dem veg dem veg
far unz tzu ei-bi-kait dem veg dem veg durch


rit.
3
ain mir ve-ln zain mir mir ve-ln
f
ain mir ve-ln zain
rit.
3
f
rit.
3
ff
zain der shmid fun tzait er
ff
6
6
6
6
6
ff
vert nisht mid der shmid fun tzait er shmidt un



7 Mir vels zain


geredt
rain
mir ve-ln zain mir ve-ln zain mir ve-ln zain mir
geredt
mf
p
mir ve-ln zain
f
p
ff
rit.
ff
mir ve-ln zain
p
bar-ba-rn ir vet unz dem veg fun ki-um nit far-
rit.
sff a tempo
ha-kn es vet zich bre-chn ai-er shtol oif unzer har-tn na-kn
un


pp
Ah
Ah
Ah
Ah
Ah
ba - rn ir fun ye - dn ort fun ye-dn land un kenigraich e - mes dik es
ba - rn ir fun ye - dn ort fun ye - dn land un ke nigraich vi e - mes dik es
.Ah
baim yar - dn ti - ber un baim
Ah
baim yar - dn ti - ber un baim
iz gots vort mir ve - ln i - ber le - bn aich baim yar - dn ti - ber un baim
iz gots vort mir ve - ln i - ber le - bn aich baim yar - dn ti - ber un baim
sff
ff


Allegro ma non troppo
mir ve-ln zain
Bar
Allegro ma non troppo
ba-rn ir fun ye-dn ort fun ye-dn land un ke-nig-raich vi
e-mes-dik es is gots vort mir veln i-ber le-bn aich
bar-


p
pain
mir
pain
mir
fraid un pain
mir
rit. allarg.
ff
mir
ve - ln zain
ff
mir
ve - ln zain
rit. allarg.
ff
mir
ve - ln zain
ff
mir
ve - ln zain
allarg.
rit.
ff


espr.
kait durch licht un choi - shech
kait, ei - bi - kait durch licht un choi - shech durch
kait, ei - bi - kait durch licht, durch licht un
kait, ei - bi - kait durch licht, durch licht, durch licht un
freid un pain
licht un choi - shech freid un pain freid un
choi - shech freid un pain freid un
choi - shech freid un pain

Mir veln zain!

Yakob Marinoff

Abram Ellsteir



Copyright 1941 by Workmen's Circle, 175 E. Broadway, New York, N.Y.

We Will Survive!

BY

JACOB MARINOFF

יעקב מאַרינאָוו

מיר וועלן זיין!